# דער אכט־יעהריגער אידישער מוזיק־גאון מישא אלעקסאנדראוויטש

פון אונזער לעטלאנדישען קארעספאנדענט מ. גערץ

גאנץ לעטלאנד שטורעמט איצט מיט אן אויסערגעוועהנליכען מוזיקאלישען וואונדער. מישא אלעקסאנדראוויטש איז זיין נאמען א אידישער קינד פון 8 יאהר און ער איבערראשט די גרעסטע מוזיק־אויטאריטעטען מיט אונגעוויינליכע מוזיקאלישע פעהיגקייטען. דער יונגער קינסטלער האט אין לעטלאנד געגעבען 3 קאנצערטען, אויף וועלכע ער האט געזונגען די קאמפאזיציעס פון שובערט, רימסקי־קארסאקאוו, גרעטשאנינאוו, גריג, גאדאר, מילנער א. א. און האט ארויסגערופען די גרעסטע פארוואונדערונג ביי אונזערע מוזיק־פראפעסארען און געזאנג־מבינים. מיט דעם קינד האבען זיך פאראינטערעסירט אידישע געזעלשאפטליכע עסקנים, ווי דער באקאנטער סיים־דעפוטאט ראבינער מרדכי נוראק.



פסיכיאטרען, פראפעסארען, כדי צו דער־געהן וואס פאר אן אומגעוויינליכער כוח עס זיצט אין דאזיגען לעגענדארען קינד, און עס איז געבליבען א רעטעניש ביז היינטיגען טאג. א באוואוסטער דייטשער מוזיק־קריטיקער עקאסט, האט ניט געפונען קיין אנדערע ווערטער צו כאראקטעריזירען די פענאמענאלע מוזיק־באגאבונגען פון קינד און אויף א קאנצערט אויסגערופען:

In diesem Knaben Wohnt die Seele eines Anderen !"...

די קריטיק באמערקט, אז ביז היינט האבען מיר געהערט וועגען קינדער־גאונים פידלער, פיאניסטען און אפילו דיריזשערן, קינדער אבער, וועלכע זאלען אזוי וואונדערפול באהערשען מיט'ן געזאנג, איז דאס דער ערשטער פאל פון דעם קינד האט דערהערט דער אינספעק־

יאהאן סעבעסטיאן באך ביז היינטיגען טאג. עס געהט אן א פאלעמיק אין דער היגער פרעסע: ווי אזוי מעג דאס קינד ארויסטרעטען, און די מיינונגען זיינען פארשיעדענע, דאס רוב מיינט, אז 1 מאל א חודש.

דעם 15טען יאנואר ד. י. האט דאס קינד ארויסגעטראטען פאר א 2000־קעפיגען עולם און די קריטיק האט ניט געפונען קיין גענוג לויב־ווערטער צו כאראקטעריזירען דיא גאונות פון קינד.

עס וועט זיין אינטערעסאנט צו ברייגען קלייגע אויסצוגען פון דער פרעסע. "דאס 'פאלק'" שרייבט: פון דעם פאלעריים קאפ פון די פארשיערענע וואונדער־קינדער, וועלכע מיר האבען געהאט די מעגליכקייט צו זעהן און צו הערען, מען קען באמת זאגען, אז קיינער פון זיי האט דעם נאמען וואונדער־קינד ניט אזוי כשר פארדיענט, ווי מישא אלעקסאנדראוויטש. און ווידער אמאל מוז מישא אלעקסאנדראוויטש, באוואונדערט ווערען מיט וואס פאר א מייסטערהאפטער ווירטואזיטעט. ער האט נאר מיט לייכטקייט אויפגעפיהרט דאס פראגראם און נאך אויך צוגעגעבען אויף "בים" דעם "רביניו" און "סאלווייגס ליעד". ווען מען וויל באגרייפען דעם אויסערארדענטליכען כח פון מישא אלעקסאנדראוויטשעס שטימע דארף מען פארמאכען די אויגען, כדי ניט צוזעהן דעם קליינינקען גוף, פון וואנעט די שטימע דרינגט ארויס. ערשט דעמאלט איז דער צייבער פאלקאם. ווער עס האט דאס ניט געפיהלט, האט משמעות צוגעמאכט צו פי טעות די אויערען... א. א. וו.

"נאראדנאיא מיסעל" שרייבט: "לעטלאנד פארמאגט ניט קיין סך גדולים. אצינד מעגען מיר לעטלענדישע אידען זיך גרויס האלטען. עס רעדט זיך וועגען 8־יעהריגען מוזיקאלען פענאמען: מישא אלעקסאנדראוויטש. דער דאזיגער קינד ברייגגט אין התפעלות אונזערע גרעסטע מוזיק־קריטיקער און מבינים מיט זיין וואונדערפולער שטים און מיט געבארענעם טאלאנט א. א. וו.

קאמפאזיטאר ס. ראזאווער, דער דירעקטאר פון אידישען קאנסערוואטאריום אין רינע, שרייבט!... דאס קינד האט געזונגען די ראמאנסען פון גרעטשאנינאוו שובערט א. א. מיט אזוינע ניואנסען, וועלכע וואלטען געמאכט דעם גרעסטען כבוד א דערוואקסענעם זינגער. עס איז וואונדערפול דער מוזיקאלישער טאלאנט פון לעגענדארען קינד, די פינקטליכקייט פון זיין אינטאנירונג, די שארפקייט פון זיין ריטמישען געפיהל, דער עיקר ברייגגט אין התפעלות דאס קינד, מיט דער טיעפקייט פון זיינע איבערלעבונגען. וועלכער האט געבראכט אין התפעלות א גרויסען מוזיקער, וועלכער האט אויסגעשריען: "אין דעם קינד לעבט די נשמה פון אן אנדערען!"...

די היגע דייטשע צייטונגען, "רינאשע רונדשוי" און "רונגאשע נאכריכטען" שרייבען: "מיר האבען געהערט פיעל וואונדער־קינדער פידלער, פיאניסטען און אפילו דיריזשערן, אלס 8־יאהריגער געניאלער זינגער איז מישא אלעקסאנדראוויטש אן איינצעלנער פאל פון יאהאן סעבעסטיאן באך אז א. א. וו.

"אונזער וועג" שרייבט: עס איז וואונדערליך און פארפלעפענדיג ווי אט דאס קינד בינדט זיך צונויף באוואוסטזיניג און זיכער מיט דעם קאמפלעצירטען אקאמפאנימענט פון שובערט, גרעטשאנינאוו, מילנער א. א. עס איז באמת פשוט אונפארשטענדליך, וויא אט דער קליינער קינסטלער אינטערפרעטירט די פיעלפארביגע און פיעלארטיגע מוזיקאלישע קאמפאזיציעס. און עס איז פארשטענדליך די נעשפאנטקייט פון עולם, וועלכער האט פון איין זייט אז אויפהער געוואלט הערען דעם קינד־פענאמען, און פון דער אנדערער געזוכט איהם צו שאנעווען א. א. וו.

ווער איז מישא אלעקסאנדראוויטש, אדער ווי איינער א אידישער קריטיקער האט איהם אנגערופען "דער רינער באלאבעסל?".

מישא אלעקסאנדראוויטש איז געבארען געווארען אין יאהר 1915 ביי ארעמע עלטערען אין דארף ליפערעס אין לעטלאנד. פון קינדהייט אויף, שוין צו 3 יאהר, האט דאס קינד ארויסגעוויזען אונגעוויינליכע מוזיקאלע פעהיגקייטען. צו 4 יאהר האט ער צום ערשטען מאל ארויסגעטראטען אויף א קאנצערט אין רוסלאנד אין דער שטאט בעזעצק, טווער גובערניע.

די שווערע מלחמה־טעג אין רוסלאנד האבען געשטערט דעם קינד צו ענטוויקלען זיינע פענאמענאלע מוזיקאלע פעהיגקייטען. דער פאטער האט געווארפען רוסלאנד, געקומען קיין לעטלאנד און אינגאנצען בלב ונפש זיך אפגעגעבען דער ערציהונג פון זיין קינד. שווערע טעג האט איבערגעלעבט די פאמיליע אלעקסאנדראוויטש. טעג אהן ברויט און אהן א קלייד צו באדעקען זייערע גופים. ביז טאר פון אידישען קאנסערוואטאריום ה' ח. ווייסביין און דער אפערע זינגער ה' יוסף טועץ און איהם ארויסגעפיהרט אין דער עפענטליכקייט און געבראכט דערצו, אז אונזערע גרעסטע געזאנג־אויטאריטעטען זאלען זיך פאראינטערעסירען מיט'ן קינד און איהם ברייגגען צו דער הויכער מדרגה, צו וועלכער ער איז באַרופען.